**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול לייכט אויף ניו יארק לענדמארקס אויף אנצייכענען מארטין לוטער קינג דזר. טאג**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן זיין אויפגעלאכטן אין רויט, גרין און שווארץ היינט נאכט, יאנואר 17, 2022, אנצוצייכענען מארטין לוטער קינג דזר. טאג.

"היינט שטעלן מיר זיך אפ ארייננצוקלערן און גדענקן וואס דר. מארטין לוטער קינג דזר. האט אויסגעלערנט איבער יוסטיץ, פרידן, יושר, ליבשאפט — און זיין טיפע, אומוואקלדיגע צוטרוי צו דער מענטשהייט נאכ'ן האבן לעבנסלאנג אויסגעשטאנען אומרעכט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר מערקן אפ וואס דר. קינג האט אונז איבערגעלאזט, ליגט אויף יעדן פון אונז א פליכט צו באלוינען דער צוטרוי און טון אלץ וואס מעגליך צו בויען א בעסערע, מער יושר'דיגע געזעלשאפט. פאנאנדער אפגעשיידט, פאלן מיר ארונטער אליין, — אבער פאראייניגט, שטייגן מיר אינאיינעם."

די לענדמארקס צו ווערן אויפגעלאכטן אין אנערקענונג פון 'מארטין לוטער קינג דזר. דעי' רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו מ. קאומאוברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישן געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארײנגאנג טויער און עקספא צענטער
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארײנגאנג

גאווערנער האקול האט אויסגעמאלדן אין דעצעמבער אז ניו יארק סטעיט'ס יערליכע אנדענק פון דאס לעבן און שאפן פון דר. מארטין לוטער קינג דזר. וועט פרעזענטירט ווערן אלס א גאנץ-סטעיט'יגע בראודקעסט פארקומעניש, "ניו יארק סטעיט געדענקט דר. מארטין לוטער קינג דזר.: גלעלגנהייט און פארשפרעכונג"", וואס וועט געזען ווערן אויף PBS סטאנציעס לענגאויס ניו יארק אנגעהויבן MLK וויקענד און סטרימינג ביי empirestateplaza.ny.gov/nyking. דער איין-שעה'יגער אנדענק צו דר. קינג שטעלט פאר מענטשן און ארגאניזאציעס פון איבער גאנץ ניו יארק סטעיט וועלכע פארקערפערן אין זיך די פרינציפן פון איינע פון אמעריקע'ס מערסט מערקווירדיגע פירער פאר סאציעלע יוסטיץ, פרייהייט, און גלייכבארעכטיגקייט. פראגראם צייטן וועלן זיך ווענדן אויפ'ן ראיאן, און צוקוקער ווערן געמוטיגט נאכצוקוקן זייער ארטיגע טעלעוויזיע ליסטעס.

אין צוגאב צו די פארשטעלונגען, ווערן מענטשן געלאדנט צו זען דעם ניו יארק סטעיט דר. מארטין לוטער קינג דזר סטודענט קונסטווערק און עסיי אויסשטעלונג, וועלכע פיגורירט איינגעגעבענע ווערק פון K-12

סטודענטן פון איבער׳ן גאנצן סטעיט וועלכע זענען באאיינפלוסט דורך דר. קינג׳ס זעקס פרינציפן פון אום-געוואלד. די ווירטועלע גאלעריע וועט מען קענען זען ביי empirestateplaza.ny.gov/nyking פון יאנואר 17 צו פעברואר 28.

**אמטירנדע NYS דיוויזיע פון מענטשן רעכט קאמיסיאנערין מעריע אימפעריעל האט געזאגט,**
״היינט גיבן מיר אפ כבוד צו דר. קינג און באשטעטיגן זיין ראלע אין פארעמען אונזער וועלט און באשטימען וואו מיר ווילן זיין אלס א מענטשהייט. זיינע ווערטער און ווערק זענען פון אומגעהויער ווערד צו די ארבעט וואס מיר טוען ביי דער דיוויזיע פון מענטשן רעכט, אזוי ווי מיר באשעפטיגן זיך אין דער קאמיוניטי און אינפארסירן די מענטשן רעכט געזעץ לענגאויס דעם גרויסן סטעיט ניו יארק.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן